בת־שבע מאסטבוים.

# דורך זון און וואָלקן

לידער־זאמלונג

וואַרשע 1923 תרפ״ג

פ אַ ר ל אַ ג  פ נ ח ס  ג ר אָ ו ב אַ ר ד.

בת-שבע מאַסטבוים.

לידער-זאַמלונג

# דורך זון און וואָלקן

(געווידמעט מיינע טייערע הייס-געליבטע מוטער און פאָטער
א"טע און יצחק מאַסטבוים).

וואַרשע 1923 תרפ"ג
פ אַ ר ל אַ ג פּ נ ח ס ג ר אַ ו ב אַ ר ד.
Printed in Poland

# פון פאַרלאַג.

די לידער פון בת־שבע מאַסטבוים געהערן צו יענע נאָך באַהאַלטענע טענער אין דער נשמה, וואָס זענען נאָך נישט אויסגעזונגען און רירן אונדז מיט זייער נישט דערזינגענקייט. די פונקען און בליצן וואָס מיר דערזען דאָ און דאָרט באַווייזן דעם שוואונק פון אַ הויכער נשמה, וואָס האָט טיפע איבערלעבונגען. דאָס רייכע מאַטעריאַל וואָס זי באַזיצט רייסט זיך אַרויס פון איר נאָך נישט רייפער פאָרם.

י. ל. פרץ, פרישמאַן און צייטלין, זענען געוועזן די ערשטע, וואָס האָבן דעם דיכטערישן שוואונק פון איר דערזען.

און עס איז קיין ספק נישט, אַז בת־שבע מאַסטבוים איז אַ נייער קלאַנג אין דער יידישער ליריק. מיט טיפער ליבע שטעלן מיר פאָר דאָס ערשטע ביכל פון דער יונגער דיכטערין פאַרן לעזער-פובליקום.

## מורא

פאַרהענג נאָר, מאַמע, די שויבן=פענצטער,
דאָס ניי=געבוירענע זאָל די הימלען נישט דערזען,
די זון זאָל עס אין די אויגעלעך נישט אריינקוקן.
עס קאָן אַ ציטער טאָן, אין וויינען אויסברעכן,
דיין ברוסט פון מיילעכל אויסשפייען;
און מיט אויפגעשרעקטע הענטעלעך
זיך ציען, צאַפלען ערגעץ – –
היט דאָס ניי=געבוירענע, מאַמע,
ווען די זון שטייט און וואַרט ביי דיין פענצטער;
בלייך איז זי,
פול מיט בענקשאַפט פאַלן אירע שטראַלן,
רופן און קושן,
און אַרום איר איז דער הימל צו בלוי, צו שטיל.
זע, עס זאָל דאָס בלויע הימל=בענקשאַפט נישט דערפילן,
און צווישן טאָג און נאַכט,
ווען דו וועסט אין די בלויע הימלווינקלען
דערזען דעם צער פון טאָג,
וואָס האַלט ביים אויסגיין,
פאַרהענג די שויבן, מאַמע,
פאַרשליס דאָס יינגע אין דיין אָרעם
און מיט קושן די אויערלעך פאַרקלינג עס,

עס זאָל נישט הערן דעם רעש איבער די הימלען,
דעם פאַל פון טאָגיקע מלאכים,
וואָס וויינען אויפן צער פון אויסגעגאַנגענעם טאָג.

היט דאָס ניי־געבוירענע, מאַמע,
ווען די נאַכט קוקט אין דיין פענצטער,
ווען אירע שאָטנס הילן דיין הויז,
אירעווינטן רייסן דיינע לאָדנס
און אירע שלאָפלאָזע, לויפן אום
מיט איינגעשרומפּטע פּנימער, מיט אויסגעשרומפּטע אויגן
און בעטן מיט פאַנאַנדערגעלאָזענע אָרעמס
טרייסט ביי די הימלען.
היט עס, מאַמע,
עס קאָן דאָס קעפּעלע אויפהייבן,
די אויערלעך אויפשטעלן,
אַ בייזן בליק דיר צוּוואַרפן
און אויסרייסנדיק זיך פון דיינע אָרעמס,
לויפן, שרייען, רופן: „מאַמע"
און פאַלנדיק מיטן פּנים צו דער ערד
שעלטן דעם טאָג פון געבוירן...
היט עס, מאַמע,
ווען די נאַכט קומט אַראָפּ פון די הימלען
זוכן טרייסט אויף דער ערד.

## איך געהער צו אַלע, אַלע

איך געהער צו אַלע, אַלע...
צו דעם הויקער, ווי צום ריז,
און צו די, וואָס קאָנען לויפן,
און צום מענטש מיט קרומע פיס.

איך געהער צו קליינע מענטשלעך
און צו גרויסע קלוגע קעפּ,
חכמהדיק ווי אַלטע מאַלפּעס,
חשיבותדיק ווי לאַנגע צעפּ.

כ'געהער צו יעדן גוטן פרומען מאָגן,
וועלכער טראָגט אין בויך זיין גאָט;
כ'האָב אויך אַ וואָרט צו זאָגן,
אַ שטילן טויטן סוד.

## ווי טיטוס

ווי טיטוסן האָט מיך פאַרשאָלטן דער הימל,
אַ פליגעלע האָט ער אין האַרץ מיר געשיקט;
דאָרשטיק און הונגעריק איז עס געקומען,
די רו פון מיין יוגנט אויף אייביק פאַרציקט...

עס האָט נישט געפּאָרכט זיך פאַר קלעפּ פון אַ האַמער־
נישט אָפּגערוט דאָרט, נישט בייטאָג, נישט ביינאַכט;
נאָך דאָרשטיקער, שטורמיקער איז עס געוואָרן,

ווי טיטוסן האָט מיך פאַרשאָלטן דער הימל,
אַ פליגעלע האָט ער אין האַרץ מיר געשיקט;
דאָרשטיק און הונגעריק איז עס געקומען —
און האָט מיר די טרערן די לעצטע דערשטיקט...

## שפּיטאָל־נאַכט

די נאַכט קוקט גלייך אין שויב אַריין,
ווי עלף מתים דרימלען איין.
עלף שטילע מתים עסן אָפּ און שלאָפן איין.

די נאַכט קוקט גלייך אין שויב אַריין,
און וואַרט, ווי גליקלעך איך וועל זיין,
פון סם וואָס טויטע געבן איין.

די נאַכט קוקט גלייך אין אויג אַריין,
רוימט אין אויער אַ סוד מיר איין:
היינט ביינאַכט – פּיין און פּיין.

קוק נישט, נאַכט, אין שויב אַריין,
ליידיק שטייט מיין בעט פון פּיין.
איך בין נישטאָ! און וועל נישט זיין!

## דער גרויסער שטערן האָט געזען...

דער גרויסער שטערן האָט געזען –
און האָט געהערט אַ שטיל געוויין,
ווען איך בין אין וויג געווען...

דער גרויסער שטערן האָט געקוקט,
ווי מען האָט די וויג געוויגט,
אַ וויג, וואָס געהער דעם אומגליק,
נישט דעם גליק...

דער גרויסער שטערן האָט געהיט,
געזען: ס׳גייט אומגליק מיט מיר מיט,
און דאָס גליק — מיט שוואַכע טריט...

דער גרויסער שטערן האָט געזען
דאָס אומגליק קריצן מיט די ציין,
און דאָס גליק אַליין שוואַכער גיין...

## מיין רויכערדיקער מאָרגן

גרויער רויכערדיקער מאָרגן!
ווען טויטסטו אונדז?
ווער דאַרף עס אויסגיין?
וואָס רייסן זיך דיינע וואָלקנס איבער מיר?
און פאַרוואָס ציטערט מיין זעל אַזוי,
ציטערט פאַר אַ שאָטן,
אַ שוואַרצן שטן, וואָס ברענגט דעם טויט מיט זיך?
אָ, איך ווייס שוין, ווער ס'איז טויט,
כ'זע עס אין די אויגן פון מיינע שונאים.
זיי קוקן מיט פריינטלעכע בליקן אויף מיר,
זיי ווייסן, אַז מיין ליבע איז אויסגעגאַנגען,
און זיי קומען מיך ליבן...
איז דען מיין פנים אַזוי אויסגעוויינט?
ליגן דען די נאַכטיקע טרערן אויף מיר?
וואָס קומען זיי מיך אומאָרמען?
וואו איז מיין זון?
כ'וועל איר דערציילן פון מיין מאָרגן און ליבע,
און ווי כ'גיי אום צווישן גרויע, איינגעפאַלענע מויערן,
און אויף מיר קוקן די מידע אויסגעוויינטע הינט,
וואָס ליגן אויף דער ערד...

## בייזע זון

אַמאָל האָט די זון מיך אין אירע אָרעמס געטוליעט,
און בלויע הימלען האָבן מיר געשמייכלט,
און ווייסע טייבעלעך האָבן זיך אין לופט ארומגעיאָגט,
אונטער די זיידענע אָרעמס סודות געטוליעט,
און פאַרבייפליענדיק
מיך מיט אַ פליגעלע איבערן אויג אַ גלעט געטאָן,
אין אַ זיס דרימל מיך פאַרשלעפּערט...
אַמאָל האָט די זון געגלעט מיך, געקושט...
אַמאָל, אַמאָל...
און היינט?
היינט-א בייזע, צאָרנדיקע
שווימט זי אַרויס אין פאַרוואָלקנטן הימל
און צעשיט אירע שטעכנדיקע שטראַלן...
די גרויע איינגעטוליעטע טויב
דערפילט עס באַלד,
מאַכט אויף די אייגעלעך, ציט אויס דאָס קעפּעלע,
און אַ פּאַטש-געבנדיק מיט די פליגעלעך
פליט זי ערגעץ אַוועק,
פאַרלירנדיק אַ פּאָר פעדערלעך גרויע הינטער זיך;
און די זון קוקט איר נאָך
מיט אַ פאַרגליווערט-קאַלטן שמייכל,

וואָס פאַריאָגט איר בּיז אין איר ווייטן
בּוידעם=שטיבּעלע אַריין – – –
אוי ס'אַראַ קאַלטס!
ס'אַראַ בּייז=גליוועריקס!
און דאָס זאָל זיין – אַ ז ו ן?!...

## ווען כ'וועל שוין נישט זיין.

דער בוים ביי מיין פענצטער
ווייסט סודות א סך:
פון א נעכטיקער טרער
און א היינטיקן לאַך,

פון אַ סוד, וואָס לאָזט איבער
אַן אייביקע פיין;
און פון אַ מאָרגן,
ווען כ'וועל שוין נישט זיין...

* * *

כ׳קוק אין טונקל־בלויען הימל –
זע איך כרובים־אויגלעך פינקלען,
כרובים קוקן אויף מיין עלנט
פון דעם הימלס ווייטסטע ווינקלען...

און די כרובים־אויגן לאַכן,
און די אויגן רופן מיך...
כ׳וואָלט געפלויגן אין די הימלען –
טראָג איך גרויסע שווערע שיך...

## פאַרבּרענען וויל די זון...

דער הימל האָט געזען:
עס ווײנט די זון... עס ווײנט די זון...
זי גײט איר גרויסן פײער נעמען,
אויף דער ערד אים לאָזן פאַלן,
און די גרויסע קעפּ פון קלײנע ווערעם
בּרענען מיט די פײער־שטראַלן.
זי וועט בּרענען, בּרענען – און פאַרבּרענען
מיט איר גאַנצער פײער־קראַפט
יענע קעפּ, וואָס שולדיק זענען!

דער הימל האָט געזען,
ווי די זון איז בּלײך און ווײנענדיק געווען,
און ווי איר שטראַל האָט שטום געזאָגט,
אַזוי געזאָגט:
– נאָך אײדער עס גײט אויס מײן טאָג
וועלן הערצער פילן קלאָג —
און אַלע אויגן וועלן טרערן
און נישט זען קײן צווײטן טאָג.
פאַלן וועט אַ פײן אויף זײ
און איך פאַרגײ נישט פון מײן הימל,
שוועסטער־ערד,
בּיז איך בּרען נישט אויס דײן שאַנד,
דײן שאַנד!...

*

זעט דען ווער די נאַכט,
ווען ס׳פאַלט אַ דראָבנער רעגן? —
פילט דען ווער די שטילקייט,
וואָס ליגט אויף אַלע וועגן?

הערט דען ווער זיך צו,
ווי ס׳שרייט דער בוים אין ווינט?
און ווי ערגעץ=ווייט
וויינט מיט מיר אַ הונט?...

## איך און נאַכט.

איך נאָר איינע און די נאַכט
קאָנען זען דעם בוים פאַרטראַכט
און די שיינע בלום פאַרמאַכט.

איך נאָר איינע און די שטערן
קאָנען זען די טראָפּנס טרערן,
וואָס ציטערן אויף בלומען נאַכט=צייט.

איך נאָר מיט דער נאַכט אליין
קאָן די גאַנצע שיינקייט זען
פון אַ וועלט, וואָס איז
אין שלאָף געפאַלן.

## געשטאָרבן אַ טאָג.

פון העכסטן בוים איז רויט דער שפּיץ,
דער לעצטער שטראַל פאַרגייט,
און יעדער צווייג און יעדער בלאַט
וואַרפט זיך שטומערהייט.

אַ פויגל איילט זיך צו זיין נעסט,
פליט=דורך די לופט, פאַרפליט,
און אַ טאָג, אַ טאָג שטאַרבט אָפּ,
וואָס קומט שוין קיינמאָל ניט...

## אוונט-ליד.

ווען עס גייט די זון אוועק,
קילער הימל שלינגט זי איין, —
לויף איך נאָך נאָך איר און בעט:
„נעם אין הימל מיך אריין!"

הערט זי נישט און גראָבט זיך איין
אין די הימלען ערגיץ טיף;
אין מיין אויסגעשטרעקטן אָרעם
פאַלט צוריק מיין לעצטער רוף...

טרייסט מיך שטיל דאָס גרינע פעלד:
„גיי נישט, קינד מיינס, דאָרט איז וויסט!
הימל האָט קיין אָטעם נישט,
נאָר אַ קאַלטע טויטע ברוסט..."

## געוויין פון נאַכט און מענטש.

ליבער גאָט מיינער!
ס'ליגט דאָך נאָך דער צער
פון אויסגעגאַנגענעם טאָג אין מיר,
ס'קאָרטשעט זיך נאָך מיין נשמה פון געוויין, —
לויפט שוין די נאַכט מיט איר ריזיקן טרויער,
יאָגט אַ געוויין זיך נאָך מענטשן —
און מענטשן דערפילן עס באַלד,
ציען די הענט צו דער הייך אויס,
שטעלן די ליפן צום בעטן אויס,
קוקן, זוכן הינטער זיך,
און מורא־קריגנדיק
לויפן זיי ווייט צו באַהאַלטן זיך,
לויפן און פאַלן...
און נאָך זיי פאַלט ס'געוויין פון דער נאַכט,
וואָס לויפט צו די הימלען צוריק
זיך צו באַהאַלטן.
לויפנדיק
קלאַפט זי, די נאַכט, אין פאַרמאַכטע לאָדנס,
וואַכן־אויף די איינגעשלאָפענע,
און ס'צעוויינען זיך
די נאַר־וואָס אויפגעוואַכטע...

# אַ קוש.

כ׳לויף. אַ ווינטל גלעט דאָס פּנים,
ס׳לויפט אַ שטערן מיט מיר מיט,
און אַלץ גרינגער ווערט דאָס האַרץ מיינס
און נאָך גרינגער – מיינע טריט.

איך פאָרויס – נאָך מיר דער שטערן!
און די מענטשן זעען ניש,
ווי מיט אויסגעשטעלטע ליפּן
לויף איך הימלען טון אַ קוש!

## נישט איין, נישט אויס...

אַז איך האָב דערזען, ווי די זון
גראָבט זיך מיטן פּנים איין
אין די בלויע ווייכע הימלען —
בין איך געפֿאַלן,
מיטן פּנים זיך געגראָבן,
ווי די זון אין דער בלויקייט.
האָבן די הימלען עס דערזען,
די מלאכימלעך — דערפֿילט,
פֿון דער בלויקייט די קעפּלעך אַרויסגעשטעקט
און געקוקט אויף מיר.
האָב איך נישט געוואָלט שוין ווי אַ זון,
נאָר ווי אַ ווערעמל אַ קליינס
אין דער ערד אַריינקריכן, —
איז די ערד געווען האַרט און שטייף:
כ'האָב נישט געקאָנט זיך איינגראָבן אין איר,
נישט אויסגיין אויף איר.
און אויפֿשטיין האָב איך נישט געקאָנט!
די נאַכט=מלאכים,
וואָס זענען געלאָפֿן שמייכלען קעגן טאָג,
האָבן געשמייכלט קעגן מיר —
בין איך געבליבן
נישט צום אויפֿשטיין,
נישט צום אויסגיין.

# איך און זון,

I.

זון און ווײַן, זון און ווײַן –
אָט די בײדע זענען מײַן.
ווען די זון פֿאַרבאָרגט איר שײַן —
מוז איך טרינקען שטאַרק ווײַן.

II.

ווען עס בלויט זיך אויס דער הימל
און עס שווימט דאָרט אויף די זון, —
דוכט מיר, אַז אויף שטאָלצע פֿליגל.
פֿלי איך הויך צו איר אַהין.

נאָר פֿאַרקריכט די זון אין וואָלקן —
גלײַך צעשווימט אין מיר דער ריז...
נישט קײן זונען=פֿליגל האָב איך,
כ'האָב נאָר מידע שוואַכע פֿיס...

## אויסגאַנג אין בלויקייט.

אויף דר'ערד ליגט אַ הימלישע שטילקייט:
ביימער רירן זיך נישט,
פייגל זינגען נישט,
און ווייסע טויבן שטייען איינגעטוליעט,
חלומען בלוי=הימלישע חלומות...
אויף דר'ערד ליגט אַ הימלישע שטילקייט:
פנימער זענען בלייך,
אויגן אָנגעפילט מיט טרערן,
ליפּן אויסגעשטעלט די בלויקייט צו קושן...
קראַנקע שטייען צוזאַמענגעטוליעט
מיט פאַרריסענע פנימער,
בעטן און וואַרטן...
שטיל איז אַרום זיי,
נאָר איבער זיי
טראָגן זיך ווייס=ציטערדיקע זומער=פייגעלעך —
מענטשלעכע נשמות.
מענטשלעכע נשמות האָבן זיך אויסגעריסן
און מענטשן פאַלן מיט די פנימער צו דר'ערד,
גייען אויס אין דער הימלישער שטילקייט...

— — — — — — — — — — — — — — —

שטיל איז אויף דר'ערד,
שטיל איז איבער דער בלויקייט
און שטיל איבער דער זיבן=הימלדיקער הייך...

## געשטאָרבן.

עמעצער איז מיר געשטאָרבן
אין דער בלויער נאַכט,
עמעצער איז מיר אויסגעגאַנגען,
ווי ס'גייט אויס אַ וואָלקנדל אין בלויקייט.
עמעצער איז אין דער ווייט פאַרגאַנגען,
און זיין לעצטן אויסגעהויכטן אָטעם
טראָגט די שטילקייט
פון דער ערד צו דער הייך,
פון דער הייך צו די שטערן.
די נאַכט איז שטיל און בלוי,
די מענטשן — אין טיפסטן,
זיסטן שלאָף פאַרזונקען,
און צאַרט איז די בלויקייט,
ווי אַ מידע איינגעשלאָפענע טויב.
נאָר ערגעץ ווייט=ווייט,
צווישן גרינע ביימעלעך,
הינטער ווייס=פאַרמאַכטע הייזעלעך,
ליגט אַ שוואַרצער קודלאַטער הונט,
דעם קאָפּ אין די לאַפּעס פאַרגראָבן,
און וויינט שטיל,
ווי איך, —

אונדז ביידן איז אָפּגעשטאָרבן עמעצער
אין דער בלויער, בלויער נאַכט, —
מיר און דעם שוואַרץ=קודלאַטן הונט
הינטער די ווייס=פאַרמאַכטע הייזער...

## קום נישט מער.

כ׳קאָן נישט בעטן אויף דיין קומען,
שרעקלעך, זון, איז דיין פאַרשווינדן!
ביז דער מאָרגן ברענגט דיך ווידער –
איז דאָס האַרץ מיר רויט פון וואונדן.

כ׳קאָן נישט בעטן אויף דיין קומען;
דו פאַרשווינדסט צעשמייכלט שטיל,
און פאַרשווינדסטו אין די הימלען —

און עס פאַלט פון אויג אַ טרער...
כ׳בין צו שוואַך צו זען דיך שווינדן...
קום נישט מער, אַך, קום נישט מער!

## ווער ביסטו.

ווער ביסטו, וואָס דו שטייסט פאַר מיר
מיט אַ פּנים שרעקלעך בלאַס,
אָן אַ קנייטש פון נאַכט געווייַן
וואָס ווייזטו, ווי ס'איז דיין ברעם נאָך נאַס?

ווער ביסטו? מיך שרעקט דיין טרויער
וואָס כ'האָב באַ דיר אין אויג דערזען;
כ'אַנטלויף. נאָר ס'איז אַ שפּיגל גאָר
און דאָרט בין איך דאָס אַליין.

## די נאַכט.

געגידערט האָט די נאַכט אַראָפּ
מיט איר שטילער שטומער רו;
און דער שלאָף וואָס וויגט די וועלט
מאַכט מיין אויג נישט צו.

עס זעט מיין אויג,
ווי נשמות טראָגן זיך צום הימל
און פון זייערע שווערע זינד
ווערט אַ רעש, אַ טומל.

יעדער מלאך שרייבט און רעכנט,
קוקט דאָס צעטל וואָס ער האָט;
נאָר מיין מלאך שטייט פאַרטרויערט
ר'האָט נישט וואָס צו ברענגען גאָט.

און עס קוקט און זעט מיין אויג,
אין דער נאַכט אַ מלאך שווימען;
יאָגט און איילט נאָך מיין נשמה
וואָס וועט דאָרט צום שפּעטסטן קומען...

## עפּעלעך און פלאַמען.

ביימער פון עפּעלעך און פלאַמען
און די ביימעלעך פון ניס –
לאָזן מיך אין שטוב נישט זיצן,
און עס טראָגן מיך די פיס.

צו דעם גרויסן בוים פון פלאַמען
מיט דער טונקל=ליליאַ=פאַרב –
בוים פון עפּעלעך און פלאַמען
כ'האָב אייך ליב, אַז איך שטאַרב!...

אַז כ'דערזע דעם צווייג פון עפּל
און די צווייג פון ליליאַ=פלאַם –
קאָן מיין האַרץ נישט מער איינרוען,
ביז כ'פאַרווירקלעך נישט מיין טרוים...

# קלײנע דערצײלונגען.

### דער דריטער מערץ.

אויפֿן וואַנט הענגט אַן אַלטער לוח: דאָס פּאַפּיר איז טונקל, דער ציפֿער בלייך, דאָס יאָר איז לאַנג שוין פֿאַרבײ און דאָך נעמט אים קײנער פֿון אונדז נישט אַרונטער – נישט איך און נישט מײַן שטילע ווירטן – ווײַל איך האָב אײנמאָל אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל דאָס פּאָדערשטע בלאַט נישט אַראָפּרײַסן, ווײַל דער דריטער מערץ איז מײַן גליקלעכ־סטער טאָג. זי האָט געקוקט אויף מיר און געשוויגן. און דער גרויסער ציפֿער איז נישט גערירט געוואָרן: ער הענגט אַזוי אויפֿן וואַנט און יעדן טאָג זעט ער אויס אַנדערש...

אין אַ טאָג ווען איך ווער באַשאָנקען מיט אַ שמײכל, שטראַלט דער גרויסער ציפֿער אויפֿן וואַנט, איך קוק אויף אים מיט דאַנקבאַרע בליקן: כ׳בענק און ליב; כ׳פֿרײע זיך מיט דער בלויקייט פֿונם הימל און הער זיך צו צו יעדן ציטער פֿון אַ צווײַג אָדער בלעטל, וואָס מאַכט טיפֿער מײַן בענקשאַפֿט אין מיר.

אין אַ טאָג ווען איך ווער באַטראַכט מיט אַ גלײַכגילטיקן בליק, בין איך אומרויק. דער ציפֿער קוקט אַרונטער ווי אַ טונקעלער שאָטן פֿון וואַנט. און שאָטנס וואַקסן אויס פֿון

יעדן ווינקל, שרעקן מיך פאַרן היינט און פאַרן מאָרגן... און עס שרעקן מיך די אומעטיקע מענטשן, וואָס קומען מיר אַנטקעגן. איך קוק יעדן פון זיי אין די אויגן אריין מורא האָבנדיק זיי זאָלן מיר עפּעס נישט אָנזאָגן, און פאַר די אויגן שטעלן זיך אַוועק לאַנג=געשטאָרבענע מיט זייערע טויטע געשטאַלטן, וואָס באַווייזן זיך אָפּטמאָל פאַר אַן אומגליק.

דער ציפּער איז ווי נאָך אַ מענטש וואָס לעבט מיט מיר. איך ליב אים אין מיין פרייד און האַס אים אין מיין צער. אָבער אויפן וואַנט מוז ער בלייבן, ווייל ער דערמאָנט מיך אין אַ בליק און אין אַ שמייכל. און טויטן מיינע ערינערונגען קען איך נישט...

---

ווי קלוג מיין ווירטן איז; נאָך איידער איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף האָט זי שוין שטיל אויף די שפּיץ פינגער אַרונטער גענומען דעם אַלטן לוח פון וואַנט און פלאַץ געמאַכט פאַר אַ נייעם. זי האָט מיך עפּעס צו אָפּט שמייכלען געזען, און אַ שמייכל, ווייסט זי וואַקסט אויס פון אַ וואַרעם געפיל, און דאָס געפיל ברענגט דעם גליק= לעכן טאָג, וואָס מוז פאַרצייכנט ווערן און מיט אַ ציפער אַראָפּקוקן פון וואַנט.

זי פילט שוין נאָענט דעם טאָג; דער זונען=אויפגאַנג זאָגט עס איר אָן. די ביימער סודן זיך פון זיין נאָענטקייט און דאָס קליינע ווינטל וואָס לויפט אַריין דורכן אָפענעם פענצטער, וויקלט זיך מיט אַזאַ וואַרעמקייט אַרום האַלדז,

קושט אויס די ליפּן און אַנטלויפט צוריק צו דער ווייטער ווייטקייט.

---

די שטערן ציטערן אין טונקל בלויען הימל, קוקן מיט טיפער בענקשאַפט אין דער שפּעטער נאַכט אַריין... אין דער שטילקייט הערט זיך אַ שאָקלען פון צווייגן, וואָס דערנענטערן און סודן זיך. אַ שטילער רוף פון אַ נישט־איינגעשלאָפענעם פויגל, נאָך וועלכן עס קומט אַ נאָך ווייטערער שטילער ענטפער. און די לופט איז פול מיט געבעט פון אַ נשמה וואָס קאָן די צווייטע נישט דערגרייכן, וואָס קומט מיט איר בענקשאַפט אַנטקעגן די אויפגייענדיקע שטערן, און דערוואַרט זיך זייער צער, דעם צער פון מזרח־ווינקל, וואו עס זעט זיך דער ערשטער שיין פון דעם ניי־געבוירע־נעם טאָג.

---

די זון גייט אויף, זי פילט מיך אָן מיט אַ געהיימער פרייד. די ווייסע טויבן יאָגן זיך פאַר מיין פענצטער, הייבן זיך אויף הויך, נאָענט צו דער בלויקייט פון הימל, שיר נישט אָנרירנדיק מיט די שפּיצן פליגלען די זילבער־ווייסע וואָלקנדלעך, וואָס צעשווימען זיך פאַר דער אויפגייענדיקער זון, און קוקן נאָך נאָך די מחנות טויבן אין זייער הייך, וואָס יאָגן זיך פריילעך איינער נאָכן אַנדערן. שורותווייז לאָזן זיי זיך אַראָפּ, שטעלן זיך אויס אויף די שפּיציקע קירכן־דעכער מיט אויסגעשטרעקטע קעפּלעך צום קושן זיך... און די גרינע פיל־צווייגיקע ביימער סודן זיך, אויף זייערע

ציטערדיקע בלעטלעך בליצן טראָפּנס טוי ווי קליינע פריי־לעכע טרערן, צו וועלכע איך האָב אַ פאַרלאַנג איינצובייגן דעם קאָפּ און אויסקושן זיי...

מיין נשמה, איז פול מיט פרייד, נאָר זי, מיין ווירטן, וואָס שטייט ביי דער זייט, האָט אַן אומעטיקן בליק. זי טראַכט איבער מיין פרייד, דערפאַר וואָס עס איז נישטאָ קיין ציפער אויפן וואַנט...

---

## איבערגעשראָקן

איך הער זיך איין צו דעם הויכן אומעטיקן אויסגע־שריי פון אַ צייטונגס־פּאַרקויפער, וואָס הייבט זיך אויף פון אונטער די פינצטערע מויערן און טראָגט זיך איבער די דעכער, מיט אַ טרויעריקן אפּקלאַנג, וואָס שווימט ציטערנ־דיק אין דער לופט אַרום. איך הער זיך איין צו דעם אָפּ־קלאַנג וואָס דערנענטערט און דערווייטערט זיך. דאָ איז די שטימע ערגעץ ווייט. און באַלד קומט זי נענטער און נענטער, שרייט הויך און לאַנגזאַם ווי איבער וועמענס אַן אומגליק. און די פענצטער פון די פאַרלאָשענע מויערן עפענען זיך, עס באַווייזן זיך האַלב־נאַקעטע קערפּערס, וואָס בליקן אַ ווילע אין דער פינצטערער נאַכט אַריין... דערנאָך פאַרשוואונדן זיי. די פענצטער רוישן און פאַרמאַכן זיך און די שטימע וואָס איז ערגעץ נאָענט אונטער אַ מויער קערט זיך אָפּ, און דערווייטערט זיך; ווערט שוואַכער און שוואַ־כער, עס הערט זיך נאָר ערגעץ ווייט, פון אונטער די

מויערן אַ שטילער און אַ טרויעריקער אָפּקלאַנג, וואָס גייט אויס ציטערנדיק אין דער געדיכטער פינצטערניש.

אין דער לופט בלייבט אַ שוואַכע און מוראדיקע שטילקייט. אויפן הימל ציען זיך שטיקער וואָלקנס, וואָס גיסן זיך צוזאַמען, און פון דער ווייטקייט טראָגט זיך אַ טרויער פון דעם אָפּגעשטאָרבענעם אויסגעשריי וואָס איז מיר עפּעס נאָענט און מאַכט מיך אַזוי אומרויק, ווי די שטימע וואָלט געשריגן איבער מיין אומגליק, און דער צער פון דער נאַכט וואָלט מיין געווען.

פול מיט שרעק לאָז איך זיך לויפן אין אַ פינצטערער גאַס אַריין, לויף פאַרביי הייזער און הייזלעך און נעבן זיין הויז שטעל איך זיך אָפּ און קוק אַרויף צו די פענצטער... אויבן איז שטיל און פינצטער. אַ בלומען־טאָפּ שטייט און וויגט צערטלעך זיינע צווייגעלעך. און אונטער די ווייסע אַראָפּגעלאָזענע פאָרהאַנגען, ליגט אַ שטילער און רויקער שלאָף — — —

אַ וואַרעמקייט פילט אָן מיין האַרץ. איך קוק אַרויף צו די פענצטער און שמייכל... אין די גאַסן־לאַמטערן ווערן ליכטיקער די פייערן, און אויבן צעגייען זיך די וואָלקנס און עס זעען זיך איינציקע און ציטערנדיקע שטערנדלעך...

---